# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

## שמות - כ״ד טבת

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

יובל שנים לנשיאות כ״ק אדמו״ר מה״מ

**לעילוי נשמת**

הרה״ח התמים ר׳ **יצחק אלחנן הלוי** הי״ד

ב״ר **יהודא לייב** ע״ה

**שגלוב**

נאסר לרגלי מסירות נפשו בעד החזקת היהדות ביום ד׳ תשרי ה׳תרח״צ

ונרצח במאסרו ביום כ״ה טבת ה׳תרח״צ

**ת. נ. צ. ב. ה.**

*

ולזכות

זוגתו הרבנית **מארייאשא** שתליט״א

לאריכות ימים ושנים טובות ומתוך בריאות הנכונה

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

# שמות

## — כ״ד טבת —

א. דער צמח־צדק שרייבט[1] וועגן דער הסתלקות פון אַלטן רבי׳ן (נאָכן באַשרייבן בקיצור[2] די טלטולים וואָס דער אַלטער רבי האָט דורכגעמאַכט — אַנטלויפנדיק פון די „צרפתים״ — ביז צו זיין אָנקומען אין (דאָרף) פּיענאַ, „ע״ש וישלח תקע״ג״), אַז „במוש״ק דשמות כ״ג אור לכ״ד טבת כחצות שעה י״א נשבה ארון הקדש מאור ישראל משיח ה׳[3] וכו׳״.

ס׳איז ידוע[4] אַז אַלע מועדי השנה (וי״ל שעד״ז אויך ימי צדיקים[5] — במילא אויך ימי־הולדת און ימי־הילולא פון צדיקים, וכיו״ב) האָבן אַ שייכות צום תוכן פון דער פּרשה אין תורה וואָס מ׳לייענט דעמאָלט;

ועד״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק פון דעם תורה וואָרט פון דעם בעל ההילולא, פון דעם אַלטן רבי׳ן, אַז „מען דאַרף לעבן מיט דער צייט״ מיט דער פּרשת השבוע[6].

**ובעניננו: הגם אַז די הסתלקות פון אַלטן רבי׳ן איז געווען „אור לכ״ד טבת״, וואָס איז אויסגעפאַלן אין יום א׳ פון פּרשת וארא[7] — דערפון אָבער וואָס דער צ״צ האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט אָנצייכענען בלויז דעם זמן פון „אור לכ״ד טבת״ (און אפילו ניט מיט מוסיף זיין דעם טאָג פון וואָך[8] —**

1) נדפס במענה לשון (ווילנא, תער״ב. הוצאת קה״ת, תש״י. תשכ״ז) בתחילתו. פסקי דינים להצ״צ בסופו (קה״ת, תשל״ב – קג, א [תמב, א]. בהוצאת תשנ״ב – תיא, ב).

2) בארוכה — במכתב כ״ק אדמו״ר האמצעי (נדפס בבית רבי ח״א פכ״ב. ס׳ התולדות אדה״ז (קה״ת, תשכ״ז. תשל״ו) ע׳ רסד (בהוצאת תשמ״ו – ח״ד ע׳ 1031)).

3) ראה בארוכה שיחת כ״ד טבת תשל״ב, דיש לומר שג׳ לשונות אלו — „ארון הקדש מאור ישראל משיח ה׳״ — הן כנגד ג׳ הספירות חב״ד [בינה (ארון הקדש), חכמה (מאור ישראל), (כתר) דעת (משיח ה׳) — עיי״ש בארוכה] — שהיא (גילוי תורת חסידות חב״ד) „פעולתו אשר עבד בה״ * ו„מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו״ של בעל ההילולא, ש„מתעלה בעילוי אחר עילוי״ בעת ההסתלקות (אגה״ק סי׳ זך וביאורו).

4) ראה של״ה חלק תושב״כ ר״פ וישב.

5) להעיר ממש״נ (תהלים לז, יח): יודע ה׳ ימי תמימים גו׳. וראה ב״ר ר״פ ח״ש. לקו״ד ח״א לה, א.

*) ל׳ אגה״ק שם — ע״פ יחזקאל כט, כ — מההפטורה דפ׳ וארא, פ׳ השבוע דיום ההילולא, כדלקמן בפנים (וראה בהערה 7) — נתבאר בארוכה בלקו״ש חכ״א ע׳ 50־51; ע׳ 52 ואילך.

6) ספר השיחות ה׳תש״ב ע׳ 29־30.

7) וראה בארוכה לקו״ש ח״ו שיחה לכ״ד טבת השייכות של הילולא דאדה״ז לפ׳ וארא.

8) וי״ל טעם ההוספה * — ובהקדים תמי׳: הרי, לכאורה, ה״ז הדגשה לגריעותא — ע״פ מרז״ל (כתובות קג, ב) „מת בע״ש סימן יפה לו במו״ש סימן רע לו״ ? אך הדיוק בזה הוא — „בע״ש סימן יפה לו״, וכדפירש״י: „שיכנס למנוחה מיד״; אבל עבור „צאן מרעיתו״ של נשיא ישראל — הרי אדרבה: מכיון ש„בעת פטירת צדיקי עליון כו׳״ הוא „עת רצון המתגלה ומאיר בבחי׳ גילוי מלמעלמ״ט״ ש„מאיר חסד ה׳ מעולם עד עולם על יראיו ופועל ישועות בקרב הארץ כו׳״ (אגה״ק סי׳ כח. וראה שם סי׳ זך וביאורו) — לכן דוקא במוצאי שבת, כשמתחילה העבודה דימות החול („בקרב הארץ״), זקוקים ביותר להשפעה וגילוי זה.

ולכן נשיאי ישראל, שבעיקר חושבים לא ע״ד

*) ולהעיר, שגם בנוגע להסתלקות כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע ל׳ כ״ק מו״ח אדמו״ר הוא „במוצש״ק ויקרא אור ליום א׳ שני בניסן תרף בשעה כו׳״ (חנוך לנער ע׳ 16). וג״כ לא מזכיר פ׳ שלאחרי׳ — צו.





בימות המשיח, און חיים נצחיים וואָס וועט דעמולט זיין.

ובנוגע לפועל מיינט עס, אַז די עבודה פון אידן איצטער דאַרף זיין „להביא לימות המשיח״, צו שוין גלייך מגלה זיין בפועל ווי דער מצב פון „הבאים מצרימה״ אין גלות איז באמת אַ מצב פון „גאולת ישראל״, דורך דעם וואָס מ׳גרייט זיך אַליין און מ׳גרייט צו אַנדערע צו דעם מצב פון „ימות המשיח״.

כולל ובמיוחד – בקשר מיט דעם יום ההילולא פון דעם רמב״ם – דורך מחזק זיין און מוסיף זיין אין לימוד ספר משנה תורה להרמב״ם . . ובפרט – אין ספר הרמב״ם עצמו – הלכות מלך המשיח[5], אין די לעצטע צוויי פרקים פון הלכות מלכים בסיום ספר משנה תורה.

און נוסף צו דעם אייגענעם לימוד בזה, זאָל מען זען אויך משפיע זיין אויף אַנדערע אידן אַרום זיך, אנשים נשים וטף, באופן פון „והעמידו תלמידים הרבה״[6], ומהם יראו וכן יעשו רבים.

ויהי רצון, אַז דורך דער עצם החלטה בדבר זאָל מען תיכף ומיד באַקומען דעם שכר, דער קיום בפועל פון דברי הרמב״ם בסיום ספרו[7], אַז לאחרי וואָס מ׳האָט שוין דעם „מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצות כדוד אביו . . ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה וילחם מלחמת ה׳״ – וואָס ער איז „בחזקת שהוא משיח״ – זאָל ער שוין גלייך ווערן „משיח בודאי״, דורך דעם וואָס „עשה והצליח ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל . . ויתקן את העולם כולו לעבוד את ה׳ ביחד כו׳״.

(משיחות ש״פ שמות, כ״א טבת תשנ״ב)

4) ויק״ר פל״ב, ה. וש״נ.
5) כ״ה הכותרת בדפוס ויניצאה רפד. שי.
6) אבות פ״א מ״א.
7) הל׳ מלכים ספי״א.

# נח.

מ'האט שוין געדעדט מערערע מאל דברי כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, אז נוסף אויף דעם וואס ס'איז שוין „כלו כל הקיצין"[1], האבן אידן שוין תשובה געטאן, און מ'האט שוין אלץ פארענדיקט, כולל אויך – „צופוצן די קנעפלעך", און מ'דארף נאר האבן אז דער אויבערשטער זאל אויפעפענען די אויגן פון אידן זיי זאלן זען ווי ס'איז שוין דא די גאולה האמיתית והשלימה, און מ'זיצט שוין בא דעם שולחן ערוך, בסעודת לויתן ושור הבר[2] וכו' וכו'.

דערפון איז פארשטאנדיק . . בדורנו זה ובזמננו זה, לאחרי וואס מ'האט שוין אלץ פארענדיקט (כנ"ל), האט מען די הבטחה גמורה אין תורה, אז עס וועט זיכער זיין „(תזכור את יום צאתך מארץ מצרים) כל ימי חייך . . להביא לימות המשיח"[3],

ובפשטות – אז מ'דארף ניט אנקומען צו א הפסק ח"ו צווישן „כל ימי חייך" און „ימות המשיח" (ווי דאס איז געווען בא אידן בכל הדורות שלפני דורנו זה), נאר „כל ימי חייך" פון יעדער איד, זיינע חיים גשמיים אלס נשמה בגוף, זיינען כולל בפשטות (אויך) „ימות המשיח" בלי הפסק, ווארום די גאולה קומט תיכף ומיד ממש ברגע זה ובמקום זה (אפילו אויב דאס איז א מצב פון לילה, „הבאים מצרימה"), אזוי אז דער רגע האחרון פון גלות און די נקודה אחרונה פון גלות ווערט דער רגע ראשון און נקודה ראשונה פון גאולה,

און פון „ימי חייך" בזמן הזה ובמקום הזה, בלי שום הפסק כלל ח"ו (אפילו אויב ער איז שוין עלטער פון שבעים שנה וכיו"ב), גייט יעדער איד גלייך איבער – בתכלית השלימות, „ראובן ושמעון נחתין ראובן ושמעון סלקין"[4], אין דעם המשך פון „כל ימי חייך"

1) סנהדרין צז, ב.

2) ראה ב"ב עד, ב ואילך. פסחים קיט, ב. ועוד.

3) ברכות יב, ב.





„מושי"ק"), נאר ער גיט אויך צו אז ס'איז געווען „במושי"ק דשמות"[10] [און נאכמער: ער איז דערצו נאך מוסיף אז ש"ק שמות איז געווען „כ"ג (טבת)"] – איז דערפון פארשטאנדיק, אז די הסתלקות האט א שייכות אויך (ובעיקר[11]) צו פ' שמות[12].

ובפרט, אז דער גענויער זמן ההסתלקות איז געווען (ווי דער צ"צ שרייבט) „כחצות שעה י"א", וואס בנוגע כמה דינים ועניניםם, האבן דאך, כידוע[13], די שעות פון מוצש"ק פאר חצות הלילה א שייכות צו שבת – איז עס במילא א באזונדער באוויז אויף דער שייכות פון דער הסתלקות צו פ' שמות דוקא.

ב. דער תוכן פון פ' שמות איז – גלות ושעבוד מצרים[14]; אין די פרשיות וואס פאר פ' שמות – ויגש און ויחי – רעדט זיך וועגן דעם זמן פון פאר שעבוד מצרים (הגם ס'איז שוין געווען די ירידה אין מצרים[15]), וכמרז"ל[16] „כל זמן שהי' אחד מהם קיים כו' לא שעבדו המצרים בישראל"; לאידך, אין די פרשיות וואס נאך שמות – פ' וארא און בא – הגם אז אויך אין זיי ווערט גערעדט וועגן די תקופת השעבוד פון די אידן אין מצרים, פונדעסטוועגן זעען זיך שוין אן אין פ' וארא די צייכנס אויף דעם אנהויב פון דער גאולה: די אותות און מופתים וואס דער אויבערשטער האט באוויזן און די מכות וואס ער האט געבראכט אויף די מצריים; אויך דער שעבוד גופא איז דאן געווארן גרינגער; און נאכמער: חז"ל זאגן[17], אז „בר"ה[18] בטלה עבודה מאבותינו במצרים". און עאכו"כ אין פ' בא, וואו עס ווערט שוין דערציילט וועגן דער גאולה בפועל.

דאקעגן אין פ' שמות, וואו דער תוכן פון דער גאנצער סדרה באשטייט פון פרטים אינעם גודל וקושי השעבוד, ביז, צום דערציילן אין סוף פון דער סדרה, אז פרעה האט גוזר געווען „לא תאספון

עליות שלהם כ"א דואגים על מצבם של בנ"י** ובפרט במוצאי שבת, שזקוקים לבשמים (מפני עזיבת הנשמה יתרה***) ולאמירת אל תירא עבדי יעקב (לקו"ת בלק עב, ב), וגם בעת הסתלקותם לא יעזבו צאן מרעיתם – ניחא להם יותר**** שה„מוצאי שבת" של צאן מרעיתם יהי' בתכלית העילוי – מאשר העילוי שלהם („שיכנס למנוחה מיד") – בע"ש.

9) וכלשון „הקדמת הרבנים בני המחבר" לשו"ע אדה"ז: „במוצאי ש"ק כ"ד טבת וכו'".

10) ועד"ז במכתב אדמו"ר האמצעי (דלעיל הערה 2).

11) שהרי „וארא" אין מוזכר.

12) נוסף לזה דשבת שייכת גם לשבוע הבא כי מיני' מתברכין כולהו יומי (זח"ב סג, ב. פח, א).

13) ראה שע"ת לשו"ע או"ח סי' ש (בשם האריז"ל).

**) להעיר מתורה השביעית (מז' התורות שאמר מורנו הבעש"ט ש"פ כי תבוא, ח"י אלול, תרנ"ב בג"ע – כפי ששמען כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע – נעתקו בהוספות לכתר שם טוב ס"ג (ע"פ שיחת כ"ק מו"ח אדמו"ר שמע"צ תרצ"ז)): .. . אתם נשיאי ישראל וואס איר לייגט אוועק אייער תורה ועבודה בשביל טובת הרבים וכו'".

***) תוי"ט במשנה רפ"ח דברכות. שו"ע אדה"ז ר"ס רצז.

****) אבל קביעות הזמן (ע"ש, או מוצ"ש וביו"ב) הוא ע"פ מרז"ל (שבת ל, סע"א) טוב יום כו', אין מלכות נוגעת בחברתה כו'

ולכן ל"ק מזה דגם בכתובות מדובר (גם) ברבי הנשיא.

14) להעיר מצוואת הריב"ש סי' קכד.

15) וראה תו"א ר"פ שמות. וראה לקו"ש חט"ז ע' 405 ואילך.

16) שמו"ר פ"א, ח. פרש"י וארא ו, טז.

17) ר"ה יא, רע"א.

18) היינו מעת שהתחילה מכת כנים (פ' וארא ח, יב ואילך) – עפמ"ש כבחיי בא י, ה (הובא בסדר הדורות ב"א תמ"ז). או (עכ"פ) מעת שהתחילה מכת ערוב (וארא שם, יז ואילך) – ע"פ הדיעה דמכת דם בניסן (ראה סה"ד שם). ולפמ"ש בשמו"ר (פ"ה, יט) ד„עשה (משה במדין) ששה חדשים" – הרי ר"ה הי' בעת מכת דם – ראה מהרז"ו (ורש"ש) לשמו"ר שם. ואכ"מ.

לתת . . תכבד העבודה על האנשים״[19], און ביז אפילו משה רבינו האט געטענה'ט צום אויבערשטן: „מאז באתי אל פרעה . . הרע לעם הזה״[20].

און דערמיט קען מען מבאר זיין בדרך אפשר די שייכות פון דער הסתלקות פון אלטן רבי'ן צו פ' שמות: ווי דערמאנט פריער איז די הסתלקות פון אלטן רבי'ן געווען בעת'ן געפינען זיך אין גלות, וכלשון הצ״צ כש„ברחו מצרפתים והי' מטולטל עד ביאתן לפיענא כו״, און ווי די אלע פרטי הטלטול והיסורים ווערן באשריבען אין א בריוו פון מיטעלן רבי'ן[21].

ג. ס'איז ידוע וואס דער בעל ההילולא שרייבט וועגן דעם ענין פון הילולא והסתלקות, אז דעמאלט זיינען עולה למעלה „כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו״[22], און דאס ווערט „מתגלה ומאיר בבחי' גילוי מלמעלה למטה בעת פטירתו״[23].

וויבאלד אז יעדער געשעעניש איז דאך בהשגחה פרטית, און עאכו״כ א זאך וואס פאסירט מיט א צדיק ונשיא הדור — איז דערפון פארשטאנדיק, אז דאס וואס דעם אלטן רבי'נס הסתלקות איז געווען אין גלות, איז דאס א באוויז אויף דעם קשר און פנימיות'דיקער שייכות צווישן „מעשיו ותורתו ועבודתו״ פונעם בעל ההילולא (וועלכע זיינען „עולה״ און „מתגלה ומאיר״ בעת די הסתלקות) מיט דער מעלה פון דער עבודה אין זמן הגלות דוקא (און דערפון איז אויך „נשתלשל״ געווארן אין גשמיות — אז זיין הסתלקות איז געווען אין גלות כפשוטו).

וי״ל אז דאס איז אויך דער טעם וואס דער לעצטער חג הגאולה פון י״ט כסלו, וואס דער אלטער רבי האט געפראוועט בחיים חיותו בעלמא דין, איז געווען אין דעם גלות־ארט פון זיין הסתלקות (ווארום, ווי דערמאנט פריער (דברי הצ״צ), איז „ביאתן לפיענא״ געווען „ע״ש וישלח״, וואס דאס איז געווען פאר י״ט כסלו[24]).

ווארום וויבאלד י״ט כסלו, דער „ר״ה לחסידות״[25], איז די נקודה התיכונה פון „מעשיו ותורתו ועבודתו״ פונעם בעל ההילולא[26] — וואס דאס האט א פארבונד מיט מעלת העבודה אין זמן הגלות, כנ״ל — דערפאר איז אויך זיין לעצטער י״ט כסלו (וואס דאס מיינט במילא דער העכסטער עילוי פון דעם יום נעלה בתקופת חייו בעלמא דין, וויבאלד אז „בכל שנה ושנה יורד ומאיר . . אור חדש ומחודש שלא הי' מאיר עדיין מעולם״[27]) געווען אין גלות; און נאכמער — אין דעם זעלבן גלות־ארט וואו ס'איז געווען זיין הסתלקות — ווייל דעמאלט שטייען אלע זיינע „מעשיו ותורתו ועבודתו״ בתכלית השלימות, כנ״ל.

---

19) ה, ד״ס.

20) שם, כג.

21) דלעיל הערה 2.

22) אגה״ק סי' זך (בביאור).

23) שם סי' כח. וראה גם סי' זך שם. סידור שער הל״ג בעומר (דש, ב־ג).

24) וצ״ע ברשימות כ״ק מו״ח אדמו״ר (נעתקו בס' התולדות – אדה״ז ע' רסג (בהוצאת תשמ״ד ע' 1030)) דבאו לכפר פיענא „ביום הששי ח' טבת״ (ואולי הוא טעות המעתיק). אבל גם עפ״ז הי' בגלותו ממקומו – ליאדי.

25) אגה״ק של כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע — נדפסה במבוא לקונטרס ומעין ע' 17 (אג״ק שלו ח״א ע' רסה).

26) ובפרט עפ״י הידוע (תורת שלום ס״ע 112 ואילך) דעיקר הענין דיפוצו מעינותיך חוצה הותחל לאחרי הגאולה די״ט כסלו.

27) אגה״ק סי' יד.





דאס אראפקומען בנגלה ובהשגה אין חב״ד שבנפש האדם, און דורך דעם פועל זיין אויך אויף זיינע מדות, ער זאל נתעורר ווערן מיט אהבה ויראה.

און דאס איז מרומז אין דעם וואס די הסתלקות איז געווען מוש״ק אור ליום א' דפ' וארא[53] (אבער „וארא״ שטייט ניט בגילוי), וואס דעמאלט האט זיך שוין אנגעהויבן רעדן וועגן דעם גילוי פון „אני הוי'״ — בחי' עצמות א״ס[54], וואס איז ביז דעמאלט ניט געקומען לידי גילוי („לא נכרתי להם במדת אמיתית שלי״[55]): און „וארא״ אליין איז דאך פון ל' ראי'[56] וגילוי, ד.ה. אז די בחי' ומדרי' וואס איז העכער פון השתל' איז אראפגעקומען לידי ראי' וגילוי באופן פנימי.

(משיחת ומאמר ש״פ שמות תשכ״ו)

לקו״ש חט״ז ע' 33

---

53) ראה גם לקמן ע' 56.

54) ראה תו״א וארא (נו, א. ג). אוה״ת שם (ע' קכז. קלב. קמד ואילך).

55) פרש״י ר״פ וארא.

56) ראה זהר ר״פ וארא (כג, א).

## שמות

...במה שהקשה על מש״כ בסהמ״צ להצ״צ מצות ספה״ע פ״ב שמשיח יהי' גבוה ממשה, והרי כתב הרמב״ם (תשובה פ״ט) שמשיח יהי' נביא קרוב למשה רבנו — מש״כ בסהמ״צ מפורש כן במד״ת תולדות: ונשא מן משה (כצ״ל. וכ״ה ביל״ש ישעי'). — ומש״כ ברמב״ם, יל״פ שהוא רק בנוגע למעלת הנבואה, ועפמש״נ ולא קם נביא. ועייג״כ רמב״ם יסוה״ת פ״ז. וראה לקו״ת להאריז״ל עה״פ עד כי יבוא שילה. מנחות כט, ב. לקו״ת לרבנו הזקן שה״ש בסופו. ואכ״מ.*

(ממכתב יג אייר תשט״ז)

---

*) וראה לקו״ש ח״ו ע' 254. המו״ל.

ד. ווען מען עס פאַרשטיין לאחר מ'וועט מבאר זיין דעם ענין הנ"ל, אַז דער תוכן פון פ' שמות איז — גלות ושעבוד מצרים:

שוין גערעדט פיל מאָל[28], אַז דער נאָמען פון אַ סדרה דריקט אויס מיט זיך דעם אינהאַלט פון דער גאַנצער סדרה. איז עס ניט פאַרשטאַנדיק אין אונזער ענין: דאָס וואָס דער וואָרט „שמות" אַנטהאַלט אין זיך איז, לכאורה, היפך פון דעם ענין פון גלות מצרים — ווייל:

א) חז"ל זאָגן (ווי פריער דערמאָנט) אַז „כל זמן שהי' אחד מהם קיים מאותן שירדו למצרים לא שעבדו המצרים בישראל" — קומט דאָך אויס, אַז דער ענין פון „שמות בנ"י הבאים מצרימה" האָט גאָר ניט דערלאָזן דעם שעבוד פון מצרים.

ב) אויך די באַזונדערע הדגשה פו־נעם וואָרט שמות גופא (דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט זיי נאָכאַמאָל גע־ציילט „בשמותן") איז דאָך געווען — ווי רש"י זאָגט — „להודיע חבתן", וואָס איז דער היפך פון גלות וקושי השעבוד פון די אידן (וועגן וועלכן ס'דערציילט זיך אין דער פרשה).

ג) די שמות זיינען גאָר, כמחז"ל[29] „ע"ש גאולת ישראל נזכרו כאן"!

ה. וביאור הענין: ס'איז ידוע[30] אַז דער עילוי אין דער עבודה פון זמן הגלות באַשטייט דערין, וואָס דוקא דעמאָלט ווערט אַנטפּלעקט דער כח המסירת נפש פון אַ אידן, וואָס נעמט זיך פון בחי' יחידה שבנפש, עצם הנשמה. וואָרום דער כח פון יחידה שבנפש, עצם הנשמה, דריקט זיך אויס (בעיקר) דאָרט (און אין דעם מצב) וואו עס פעלט דער באַנעם און הרגש אין אלקות מצד די כחות הגלויים פון דער נשמה, און די התקשרות באלקות איז דעמאָלט ניט אַזוי דורך די כחות הגלויים, נאָר מצד דעם עצם פון אַ אידן.

און דערפאַר, אינעם זמן ווען דער ביהמ"ק איז קיים און אלקות איז מאיר בגילוי, איז אויך די (עיקר) עבודה פון אידן געווען מצד די כחות הגלויים — זיי האָבן דערהערט אלקותו ית' אין די כחות פנימיים וגלויים פון שכל ומדות, און וויבאַלד דאָס איז אַן עבודה שע"פ טעם ודעת והרגש, איז דעריבער ניט נרגש אין דער עבודה דער כח פון יחידה[31];

דוקא אין זמן הגלות, ווען דער אור אלקי איז בהעלם והסתר, ד„אותותינו לא ראינו גו' ולא אתנו יודע עד מה"[32], און עס זיינען דאָ העלמות והסתרים ונסיו־נות אויף דער עבודה פון תומ"צ — דוקא דאַן, ווען (און ווייל) ס'פעלט די ווירקונג פון די גילוי'דיקע כוחות הנשמה, ווערט נתעורר דער כח פון יחידה שבנפש, צו שטאַרקן זיך אויף די שוועריקייטן און נסיונות אויף קיום התומ"צ מצד דעם עצם ההתקשרות פון אידן צום אויבערשטן[33].

28) ראה לקו"ש ח"ה ע' 57 ואילך ובהנסמן שם.

29) שמו"ר פ"א, ה.

30) ראה בארוכה סה"מ אידיש בתחילתו. ד"ה אני ישנה תש"ט. ובכ"מ.

31) ראה סה"מ שם. ד"ה קול דודי תש"ט פ"ב. אני ישנה שם פי"ד. ובכ"מ.

32) תהלים עד, ט.

33) ועד"ז הוא בכללות ירידת הנשמה למטה שהיא „בחי' גלות ממש" (תניא פל"ז — מח, א) שדוקא ע"י עבודתה בגלות הגוף ונה"ב מתגלה שרשה העצמי — ראה תו"א ר"פ וישב. תו"ח שם. אוה"ת שם (רנג, ב ואילך). ובכ"מ.





און דער אויפטו פון „שני־אור" (אין איין וואָרט) איז, אַז ביים אַלטן רבי'ן איז געווען דער שלימות'דיקער חיבור פון נגלה און נסתר ביז זיי זיינען געוואָרן לאחדים ממש.

וואָס דער כח אויף דעם איז געקומען דערפאַר וואָס ער האָט ממשיך און מגלה געווען דעם עצם מהות התורה, יחידה שבתורה, וואָס איז העכער פון אַלע גדרים פון העלם וגילוי, און דער־פאַר האָט זי בכח צו מחבר זיין די ביידע אורות פון נגלה ונסתר דתורה[45].

און דאָס האָט ער ממשיך געווען „לזמן", וואָס איז פאַרבונדן מיט „עולם"[46] אויך — ל' העלם[47], ד.ה. אויך אין דער נידעריקער וועלט זאָל לייכטן „שני־אור" — דער חיבור פון ביידע אורות[48] — און דעמאָלט דוקא קומט דער גילוי פון בחי' יחידה שבתורה (ווי גערעדט פריער, אַז דער גילוי בחי' יחידה איז דוקא במדריגה הכי תחתונה, אין אַן אָרט וואָס איז ניט קיין כלי צו „גילויים"[49]).

ט. ווי גערעדט פיל מאָל[50], איז דער תכלית הכוונה, אַז אויך די ענינים שלמעלה מהשתלשלות און פון כחות האדם, זאָלן קומען בגלוי און אין אַ פנימיות אויך אין כחות פון מענטשן, ניט נאָר אין אַ העלם'דיקן אופן ווי אין זמן הגלות.

וואָרום כאָטש ס'איז דאָ אַ מעלה אין דער עבודה אין זמן הגלות, וואָס דע־מאָלט ווערט נתעורר און נתגלה בחי' יחידה שבנפש (כנ"ל), איז דאָך אָבער דער תכלית פון גלות — די גאולה וואָס קומט נאָכדעם[51] (און דורכדעם[52]); ד.ה. אַז דער גילוי בחי' יחידה פון זמן הגלות זאָל מאיר זיין אויך אין די כחות פנימיים פון מענטשן, אַז אויך זיי זאָלן זיין דורכ־געדרונגען פון עצם הנפש.

וי"ל בדרך אפשר, אַז דאָס איז דער אויפטו פון בעל ההילולא אין תורת חסידות חב"ד, אַז עצם פנימיות התורה, וואָס איז העכער פון השתל' און טעם ודעת און וואָס קען לכאורה גענומען ווערן בלויז בקבלה ואמונה, זאָל אויך

45) ראה לקוטי לוי"צ שם (ע' רכג) ד„גילוי אור החסידות הוא בחי' יותר גבוה מקבלה (נסתר)* ונגלה שלכן בכחה לחבר ב' הבחי' גם יחד שהנסתר והרז גופא יהי' מושג בנגלה". וראה קונטרס הנ"ל הערה 40.

46) ראה שער היחוד והאמונה פ"ז (פב, א).

47) לקו"ת שלח לז, ד. ובכ"מ.

48) ראה לקוטי לוי"צ שם.

49) כי אף שהכח לחבר נסתר ונגלה הוא מצד עצם התורה כנ"ל — מ"מ, אמיתית גילוי וביטוי דיחידה (עצם פנימיות התורה) הוא כשנמשכת בבחי' תחתונה ביותר, כנ"ל הערה 39.

50) ראה לקו"ש ח"ט ע' 75 ובהנסמן שם. ובכ"מ.

51) ולהעיר מהמסופר במכ' אדהאמ"צ (דלעיל הערה 2) ד„בי"ט כסלו שמענו שהי' מפלה גדולה להשונא כו'".

52) להעיר מב' הפי' בגולה על ראשה — גלות, גאולה (ראה ויק"ר ספל"ב. לקו"ת בהעלותך לה, א־ג. אוה"ת לשם ע' תכג ואילך).

*) בלקוטי לוי"צ שם (ע' רכד), שגילוי חסידות גבוה יותר „מגילוי פנימיות התורה, בחי' טעמי תורה, ישקני מנשיקות פיהו שיתגלו ע"י מ"צ בב"א" — וכוונתו בזה ובהקדם

פשוט שתורתו של משיח תהי': נגלה, קבלה (נסתר), וחסידות

וכמו שמצינו ברשב"י: נגלה (ולהעיר משבת לג, סע"ב. אגה"ק סכ"ו (קמג, א)), נסתר (זהר ותיקונים כו') ואיחוד שניהם (ראה והחרים תרל"א ע' נב ואילך ולהעיר שגם ברשב"י — ענין המערה הי' ע"י הסתר א' מישראל — שבת שם. וראה לקלוי"צ שם) ליחידי סגולה ובהצנע לכת (אגה"ק שם קמב, ב)

— וכולם (גם נגלה וחסידות) באופן נעלה מאשר עתה (שה"ז לימוד ע"ד ראי' — עיין ש' האמונה פ"ס). וראה לקמן ע' 199 הערה 56 ובשוה"ג לשם.

און דאָס איז געווען דער ענין פון גלות מצרים (און גלות בכלל), וואָס דוקא דורכדעם איז געקומען צום אויסדרוק די עצמיות'דיקע התקשרות פון אידן צום אויבערשטן: און דאָס איז געווען די הכנה צו מתן תורה[34], וואָס אויך דער תכלית פון מ"ת איז צו ממשיך זיין אלקות אין דברים גשמיים וועלכע זיינען „תחתונים", און דורך תומ"צ זאָלן אויך זיי ווערן אַ דירה לו ית' — ווייל דוקא אין דעם דריקט זיך אויס דער עצם פון תורה[35].

ו. דער אויבנגעזאָגטער ביאור אין דער מעלה פון עבודה אין זמן הגלות — אַז הגם ס'לייכט ניט דער אור אלקי בגילוי, און דאָך ווערט דוקא דעמאָלט נתגלה דער עצם הנשמה — איז מרומז אין דעם ענין פון „שמות":

אין דער שייכות פון אַ נאָמען צום מענטשן, וואָס טראָגט דעם נאָמען, געפינט מען צוויי קצוות[36]: פון איין זייט זעט מען, אַז דער בעל־השם צוליב זיך אַליין — נויטיקט זיך אינגאַנצן ניט אינעם נאָמען; מ'נוצט עס נאָר ווי אַ מיטל אַז דער צווייטער זאָל אים קענען רופן. ד. ה. אַז דער נאָמען איז, לכאורה, בלויז אַן אויסערלעכע זאַך בערך פונעם מענטשן. און דערפאַר קען מען פון אַ נאָמען ניט האָבן קיין באַגריף אינעם מהות פון דעם מענטשן וואָס רופט זיך מיט דעם נאָמען — והא ראי': עס זיינען פאַראַן מערערע מענטשן מיטן זעלבן נאָמען בעת אין זייער מהות קענען זיי זיין הפכיות'דיק מן הקצה אל הקצה (ווייל דער שם שפּיגלט ניט אָפּ דעם מהות פון בעל־השם, ניט ווי דאָס איז אינעם ענין פון אור וואָס שפּיגלט אָפּ דעם מאור און פון מציאות האור קען מען האָבן אַ השגה אינעם מאור).

פון דער צווייטער זייט אָבער, איז ידוע, אַז דער נאָמען פון אַ מענטשן האָט אַ שייכות צום עצם האדם, ווי ער איז העכער פון די כחות הגלויים שלו — און די הוכחה דערויף: בשעת מ'רופט אַ מענטשן ביי זיין נאָמען גיט ער זיך אַ ווענד און אַ קער „בכל עצמותו"; און נאָכמער: ווען אַ מענטש חלש'ט ר"ל — וואָס דאָס מיינט אַז דער חיות הנפש איז אין אַ מצב פון התעלמות און איז אָפּגעטראָגן פון גילוי בגוף — ווערט דער מענטש דערמינטערט דורך דעם וואָס מען רופט אים ביי זיין נאָמען; וואָס דאָס איז אַ באַווייז, אַז דער שם האָט אַ קשר און רירט אָן אין עצם חיות הנפש, און דערפאַר האָט ער בכח צו ממשיך זיין דעם חיות צוריק אין די כחות הגוף (און דערין איז דאָ אַ מעלה אין „שם" לגבי „אור" — ווייל כאָטש פון אור קען מען וויסן דעם מאור, פונדעסטוועגן איז אור ניט ממשיך דעם עצם המאור).

ד. ה. אַז דער עצם פון דעם אדם דריקט זיך אויס דוקא דאָרט וואו עס זעט זיך ניט קיין גילוי'דיקע שייכות צום מענטשן — בדוגמא ווי גערעדט פריער אין דער מעלת העבודה פון זמן הגלות, אַז דער עצם פון אַ אידן ווערט נתגלה דוקא אין דעם העלם והסתר פון זמן הגלות.

ז. עפ"י כהנ"ל איז מובן דער קשר צווישן „מעשיו ותורתו ועבודתו" פון

34) ראה ד"ה אני ישנה שם (בתחילתו): ומצד זה הכח (דמסנ"פ שמצד יחידה) שיש בנש"י נותן להם התומ"צ . . ובכח זה עמדו ישראל נאמנים להוי' בגלות מצרים וכו'.

35) ראה קונטרס ענינה של תורת החסידות ס"ט.

36) בהבא לקמן — ראה ד"ה אתה אחד (ועתידין צדיקים) תש"ב. מן המיצר תש"ט פי"א. זה היום הש"ת פ"ב. ובכ"מ.





בעל ההילולא מיט דער פ' שמות[37] — דער ענין פון גלות:

ס'איז ידוע[38], אַז כשם ווי ס'איז דאָ די בחי' „יחידה" אין נפש האדם, אַזוי איז אויך פאַראַן בחי' „יחידה" אין תורה — תורת החסידות: און דער עיקר גילוי פון בחי' „יחידה" פון תורה איז אין חסידות חב"ד — ווי דער בעל ההילולא האָט מגלה געווען און אַראָפּגעטראָגן תורת החסידות אין הבנה והשגה בכדי דורכדעם צו קענען פועל זיין אויך אויפן נפה"ב און חלקו בעולם, ביז צו מהפך זיין זייער מציאות מן הקצה אל הקצה — ווייל דוקא אין דעם דריקט זיך אויס דעם עצם פון פנימיות התורה[39].

ד.ה. כשם ווי ס'האָט זיך פריער גערעדט ביים מענטשן, אַז די התגלות פון יחידה, עצם הנשמה, איז דוקא ווען די כחות הגלויים זיינען אין אַ מצב פון העלם והסתר: אַזוי איז בנוגע בחי' יחידה אין תורה, אַז זי ווערט נתגלה דוקא דאַן ווען זי דאַרף אויפטאָן אין די מדריגות תחתונות פון נפה"ב וחלקו בעולם; און ווי דער פתגם פון בעל ההילולא[40]: „כל ענין החסידות לשנות טבעי' מדותיו".

און דאָס איז די נקודה משותפת פון „מעשיו ותורתו ועבודתו" פון בעל ההילולא און מעלת העבודה אין זמן הגלות: אין ביידע טוט זיך אויף די התגלות פון בחי' יחידה דוקא אינעם אָרט וואָס איז מושלל פון גילוי אור[41].

ח. ס'איז ידוע[42] אַז די דרגא און עבודה פון בעל ההילולא איז מרומז אין זיין נאָמען — שניאור זלמן[43]: שניאו"ר איז מל' „שני אור", און זלמ"ן איז אותיות „לזמן": און ביידע נעמען צוזאַמען דריקן אויס דעם חיבור פון „שני־אור" מיט „זמן".

דער ביאור אין דעם: „שני־אור" מיינט (ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט[44] וועגן דעם אַלטן רבי'ן, אַז ער וועט באַלייכטן די וועלט מיט) די צוויי ליכטיקייטן — די ליכט פון תורת הנגלה און ליכט פון תורת הנסתר.

37) ולהעיר מלקו"ש ח"ז ע' 257 ביאור השייכות של הילולא דאדה"ז לחודש טבת (ירח שנהנה גוף מן הגוף), עיי"ש. וראה גם לקו"ש חט"ז ע' 386.

38) ראה קונטרס הנ"ל ס"ז ובהערה 43 שם.

39) כי ע"י התלבשות של תורת החסידות בהשגה נמשך עצם פנימיות התורה (ד"ה פדה בשלום תרפ"ה, בשם אביו כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע — י"ט כסלו עטר"ת).

והיינו, דנוסף על המבואר לקמן (ס"ח ובהערה 45) שהכח לחבר נסתר ונגלה — שנסתר דתורה גופא יהי' מושג בנגלה — הוא מצד עצם התורה,

הנה מכיון שהירידה והשפלה למטה יותר נמשך מכח עליון יותר (ראה תורת שלום ע' 115 — לענין התלבשות אור החסידות בשכל), ואדרבה — נעוץ תחלתן בסופן דוקא, הרי מובן, שאמיתית גילוי וביטוי של עצם פנימיות התורה הוא דוקא כשנמשכת בבחי' תחתונה ביותר, עד להפיכת טבע נפש הבהמית, כבפנים. וראה בארוכה קונטרס ענינה של תורת החסידות סי"ח. סו"ס כ. וראה שוה"ג להערה 78 שם. וראה ד"ה פדה בשלום שם בסופו: וכוונה העצמית שהטבע ממש יהי' אלקות והענינים שלמטה יהיו כלים לאלקות דזה בא ע"י רבנו בהתלבשות בהשגה דוקא כו'.

40) לקו"ד ח"א נו, א־ב. וראה אגה"ק דכ"ק אדמו"ר נ"ע (דלעיל הערה 25): להמשיך בחי' עומק ופנימיות תורת ה' . . מבחי' פנימיות ועצמות אוא"ס ב"ה . . לגרש מאתנו כל מדה רעה ומגונה מהמדות הטבעיות כו' — נתבאר בשיחת ש"פ וישב תשכ"א.

41) להעיר מתורת שלום ע' 168: המקום שבחר לו למושב . . פנה שממה . . ולא ידעו ממציאות אור כלל כו'.

42) ראה בארוכה לקו"ש ח"ו ע' 35 ובהערות שם. ושי"נ.

43) בהבא לקמן — ראה לקו"ש שם ע' 35, וע' 40 ואילך (ובהנסמן שם). לקוטי לוי"צ — אגרות ע' ריח ואילך.

44) לקו"ד ח"א פג, א.